# חינוך געדאנקען

דורך הרב ל.י. גרינבערג

מגן ומושיע

To prevent and to help • צו פארמיידן און צו העלפן בעניני חינוך

פרשת שמיני

י"ט אדר ב' תשע"ד

גליון כ"ה


# די עצה צו האבן פרייליכע קינדער (חלק ב')

**מיר האבן פאריגע וואך** גערעדט ווי אזוי צו מאכן אז קינדער זאלן שטענדיג זיין בשמחה און צופרידן. מיר האבן ערקלערט ווי אזוי מען דארף זיך אויפפירן אין דעם חלק המעשה, אז מען זאל זיי נישט באגיסן מיט מתנות. יעצט ווען מיר רעדן וועגן דעם חלק המחשבה, ווי אזוי צו אויסלערנען קינדער אז זיי זאלן אליין פארשטיין אז מען דארף נישט אלעס באקומען.

*איך האב אמאל געהערט ביי א דרשה פון א חשוב'ער רב וואס איז א מנהל די פאלגנדע מעשה וואס האט פאסירט מיט אים אליין. ער האט געהאט איין קינד וועלכער איז געווען גאר א וואוילער און האט זיך שטענדיג אויפגעפירט גוט. איין טאג, ווען דאס קינד איז געווען אין קעמפ, האט זיך געמאכט אז ער איז אהיימגעקומען מיט בכיות. אויף די פראגע פון דעם טאטן וואס האט פאסירט, האט ער דערציילט מיט א געשטיקטע שטימע אז עס איז פארגעקומען עפעס אן עולה אין קעמפ, און ער האט בכלל נישט געהאט דערמיט קיין שייכות. אבער דער ראש המדריכים האט אים ארויסגערופן און דערלאנגט צוויי פעטש בפני כל העם ועדה, על לא עול בכפו.*

*דער מנהל האט גלייך פארשטאנען וואס דא איז פארגעקומען. אזוי ווי ער איז געווען דער מנהל פון קעמפ האט זיך כסדר געמאכט פארשידענע מיספארשטענדענישן און רייבערייען צווישן אים און דעם ראש המדריכים. לעצטנס האט געהערשט גאר אן אנגעצויגענע שטימונג צווישן די צוויי, און ווי עס זעט אויס האט דער ראש המדריכים אויסגעגאסן זיין כעס אויף זיין וואויל קינד. דער טאטע האט אנגעהויבן טראכטן ווי אזוי ער קען אים בארואיגן און פארזיכערן אז דאס וועט מער נישט פאסירן, אבער פלוצלינג איז אים איינגעפאלן א געדאנק און ער האט אים געגעבן א זאג, " איך האב גרויס מיטלייד פאר די עולה וואס מען האט דיר געטון, אבער זאלסט וויסן אז אזוי גייט די וועלט. מען כאפט פעטש אפילו אויב עס קומט זיך נישט, און מען דארף זיך אויסלערנען דאס צו אננעמען."*

דער מנהל דערציילט אז זיין קינד איז שפעטער אויסגעוואקסן גאר א חשוב'ער איד, א תלמיד חכם און מרביץ תורה, אבער ער האט ליידער מיטגעמאכט פארשידענע פערזענליכע שוועריקייטן אין לעבן. האט ער זיך אמאל אויסגעדריקט פאר דיין טאטן, "ווען נישט דאס וואס דו האסט מיר מיט חכמה צוגעגרייט אלס יונג קינד צום לעבן און מיר געזאגט אז איך זאל ערווארטן פעטש אפילו אויב איך האלט אז עס קומט מיר נישט, ווייס איך נישט צו איך וואלט געקענט דורכגיין די אלע שווערע זמנים."

**אויב מען וועט ווארטן צו זיין פרייליך ווען אלעס איז אויף די בעסטע אופן, וועסטו קיינמאהל נישט זיין פרייליך**

מען געפינט די וואך אין די פרשה ווי אזוי נדב ואביהו זענען אומגעקומען צוליב דעם וואס זיי האבן מקריב געווען אן אש זרה. זעלבסטפארשטענדליך אז מיר האבן נישט קיין השגה אין דעם חטא פון די הייליגע צדיקים. אבער עס שטעלט זיך לכאורה א קשיא, פארוואס האט אויסגעפעלט אז דער אויבערשטער זאל זיי מעניש זיין פונקט אין דעם פרייליכן טאג, ראש חודש ניסן, ווען דער משכן איז געווארן אויפגעשטעלט. ער האט נישט געקענט צווווארטן אביסל?

נאר עס קען זיין אז דער באשפער האט אונז טאקע דאס געוואלט לערנען. אז זאכן גייען נישט אלעמאל אזוי ווי מען וויל. מען כאפט אומזיסטע פעטש, און דאס לעבן פירט זיך נישט לויט אונזערע ערווארטונגען. און אפילו אין אזא צייט דארף מען אויך זיין פרייליך, ווייל אויב מען וועט ווארטן צו זיין פרייליך ווען אלעס איז אויף די בעסטע אופן, וועסטו קיינמאהל נישט זיין פרייליך, ווייל עס איז נישט דא קיין צייט וואס אלעס איז אזוי ווי מען וויל.

איך וועל אנכאפן א משל ווי אזוי מען קען דאס צייגן פאר א קינד. ווען עס מאכט זיך אז א קינד גייט אין קעמפ, און די רבי מאכט א גורל צו אויסשטעלן די צימערן. מאכט זיך אמאל אז דאס קינד קומט אהיים און ער פארפירט אז ער וויל נישט שלאפן מיט די אינגלעך וואס עס זענען אויסגעקומען אין גורל. זענען אמאל דא עלטערן וואס וועלן מאכן א ויצעקו און אנרופן די רבי און שתדל'ען און פועל'ן אז מען זאל טוישן די בעטן. וואס דאס וועט אויס לערנען די קינד אז ווען עפעס גייט נישט וויאזוי ער וויל זאל ער נישט שלום מאכן מיט די מצב, נאר פרוביהרן וואס עס איז נאר מעגליך אין זיין כח צו טוהן, און ווי לאנג ער וועט נישט אויס פיהרן וועט ער נישט זיין צופרידן, אבער א קלוגערע שריט איז צו זאגן פאר'ן קינד, קוק אהער, איך פארשטיי אז ס'איז דיר זייער אומבאקוועם, אבער למעשה איז אזוי אויסגעקומען דער גורל. און זאלסט וויסן אז אזוי גייט די וועלט, מען באקומט נישט אייביג וואס מען וויל.

זלעבסטפארשטענדליך אז דאס איז נישט געזאגט געווארן אין פאל וואס עס איז באמת דא א מיספארשטענדניש און מען קען גרינגערהייט דאס מתקן זיין, אבער ווען עס פעלט אויס איבערצודרייען וועלטן און פירן מערכות אז דאס קינד זאל באקומען דאס וואס ער אדער זי האלט עס קומט זיך, דאן איז פיל געזונטער צו אויסלערנען פאר'ן קינד אז די וועלט גייט נישט אייביג אזוי ווי מען וויל. דאס וועט אים באגלייטן אויפ'ן גאנץ לעבן, און אויפבויען זיין כאראקטער און אים אריינגעבן א געזונטער צוגאנג צו רעאליטעט.









לעילוי נשמת הרבני היקר והנכבד, אהוב לכל יודעיו ומכיריו,
משמח אלוקים ואנשים
**מוה"ר יהושיע משה בן מוה"ר עקיבא ז"ל**
**בערגמאן**
נפטר י"ח אדר תשמ"ו לפ"ק
ת.נ.צ.ב.ה.